**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מינימום געהאלט העכערונג פאר אפסטעיט ניו יארקער**

***מינימום געהאלט צו ווערן געהעכערט אום דעצעמבער 31***

***באזוכט ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס [מינימום געהאלט וועב-בלאט](#) פאר מער אינפארמאציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן מיט די $15.00 מינימום געהאלט פער שעה פאר אפסטעיט קאונטיס אום דעצעמבער 31, 2022. ארבעטער אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און וועסטשעסטער קאונטי וועלן זען א העכערונג מיט $1.00 פער שעה, פון $13.20 צו $14.20, נאכפאלגענדיג א געזעצליך געפאדערטע עקאנאמישע אנאליז אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון די בודזשעט. אויך, וועט די [מינימום געהאט פאר האום קעיר געהילפן](#), וועלכע איז אריין אין קראפט אקטאבער 1, 2022, אויך ווערן געהעכערט מיט $1.00 צו $16.20 פער שעה אין קאונטיס אין אפסטעיט ניו יארק.

"מיט אינפלאציע און א נאציאנאלע ארבעט מאנגל באווירקנדיג אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע, טוט מיין טיעם אלעס מעגליך צו לייגן מער געלט אין די טאשן פון ניו יארקער און אדרעסירן די שטייגנדע קאסט פון לעבן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "גלייכבארעכטיגטע, קעגנדע געהאלט איז קריטיש מיט העלפן פאמיליעס בליען און ציען שטארקע טאלאנט צו אונזער סטעיט, און אונזער אדמיניסטראציע בלייבן איבערגעגעבן צו נוצן יעדע געצייג וואס מיר קענען צו רוקן ניו יארק'ס עקאניאמיע פאראויס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** "מיט העכערן די מינימום געהאלט, העלפן מיר אויפהויבן אונזערע שכנים איבער ניו יארק סטעיט. פאראויס רוקן די מערערע-יאר העכערונגען האט געהאלפן ביסנעסער צופאסן צו די אנגייענדע ענדערונגען און אינעם זעלבן צייט צושטעלן פאר נידריגע-געהאלט ארבעטער די מעגליכקייט צו בעסער אויסהאלטן זיך און זייערע פאמיליעס."

קאמיסיאנארין ראבערטא רירדאן האט ארויסגעגעבן א באפעל רופנדיג פאר די מינימום געהאלט ראטע העכערונג אין קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און וועסטשעסטער נאכפאלגענדיג א געזעצליך געפאדערטע [עקאנאמישע אנאליז](#) אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון די בודזשעט.

**ניו יארק סטעיט בודזשעט ראבערט פ. מודזשיקע, דזשוניער, האט געזאגט,** "די אפטיילונג פון די בודזשעט איז שטאלץ צו שטיצן די עפענונג מיט אדורכגעטראכטע און קלוגע אנאליזן צו אנווייזן די בעסטע אויסקומען פאר ניו יארקער. די אפטיילונג וועט פארזעצן צו מאניטארן די סטעיט עקאנאמיע און לעיבער מארקעט און אפשאצן די רעזולטאטן פון די העכערונגען אין די קומענדיגע מאנאטן און יאר."

אן אפגעשאצטע 200,000 ניו יארקער אין די אפסטעיט קאונטיס וועלן בענעפיטירן פון די געהאלט העכערונג, 44% פון וועלכע זענען פול טיים ארבעטער און פון די אלע, כמעט 25% האלטן אויס קינדער אונטער 18 יאר אלט. אין צוגאב, וועט די העכערונג העלפן פארמאכן די לאך אין דזשענדער באצאלט, צושטעלנדיג אן אפגעשאצטע 110,000 פרויען מיט גרעסערע פינאנציעלע סטאביליטעט.

ניו יארק סטעיט'ס מינימום געהאלט העכערונגען ווערן אויסגערעכנט באזירט אויף וואו א מענטש ארבעט און זייער אינדוסטרי. ארבעטער אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און וועסטשעסטער קאונטי פארדינען יעצט די $15.00 מינימום געהאלט פער שעה. די העכערונגען פאר די רעשטע פון די סטעיט זענען באזירט אויף פערצענט העכערונגען באשטימט דורך די דירעקטאר פון די אפטיילונג פון די בודזשעט אינאיינעם מיט די דעפארטמענט אוו לעיבער נאכפאלגענדיג א יערליכע איבערזיכט פון די סטעיט עקאנאמיע און די לעיבאר מארקעט.

צו לערנען מער איבער די מינימום געהאלט פאר האום קעיר געהילפן, לייענט די האום קעיר געהילפן פאקט בלאט.

ארבעטער וועלכע ווערן נישט באצאלט דאס וואס זיי זענען בארעכטיגט פאר אונטער ניו יארק סטעיט'ס נייע מינימום געהאלט געזעצן, זאלן עס באריכטן צו די NYSDOL'ס אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן דורך רופן 1-888-4-1-888-469-7365) NYSDOL).

צו העלפן מעלדן ביזנעסער און ארבעטער איבער מינימום געהאלט, האט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר עטליכע ריסאורסעס אווילעבל אויף זייער וועבסייט, אריינגערעכנט די מינימום געהאלט אויפקוק געצייג.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן